**גאווערנער קעטי האקול** **איף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/12/2023

## גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון לעיק פלעסיד FISU 2023 אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן

***צווייט-גרעסטע גלאבאלע ווינטער ספארטס געשעעניש זעצט פאר ביז יאנואר 22; טיקעטס צו באקומען [דא]()***

***קומט נאך מער פון 550 מיליאן דאלאר אין סטעיט אינוועסטירונג צו רענאווירן ספארטס איינריכטונגען, פארבעסערן ראודס און בריקן, מאדערניזירן ספארטס אינפראסטרוקטור אין צוגרייטונג פאר די שפילן***

***שפילן וועלן אריינרעכענען עטליכע מאסנאמען צו שטופן פאר שריט וועגן די קלימאט, אין ליניע מיט גאווערנער'ס ענווייראמענטאלע אגענדע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אפציעלע אנהויב פון די לעיק פלעסיד FISU 2023 אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן, באגרוסנדיג 1,443 קאלעדזש ספארטסלער פון איבער 540 אוניווערסיטעטן און 46 לענדער וועלכע זענען זיך צוזאמגעקומען צו פייערן די ווינטער ספארטס געשעעניש וואס קומט פאר יעדע צוויי יאר. די לעיק פלעסיד FISU 2023 שפילן וועלן אריינרעכענען פארמעסטן אין 12 ווינטער ספארטס און 85 געשעענישן אין לאקאציעס ארום די עדיראַנדעק נארט קאנטרי ראיאן אין לעיק פלעסיד און אזוי אויך אין ווילמינגטאן, סערענעק לעיק, פאטסדאם, קענטאן און נארט קריק. די סקעדזשול פון די פארמעסטן און טיקעטס פאר די געשעענישן זענען דא צו באקומען [דא]().

"מיט ניו יארק'ס נארט קאנטרי זייענדיג באקאנט אלץ א גלאבאלע ווינטער ספארטס דעסטינאציע, קען איך נישט טראכטן פון א בעסערע פלאץ ווי לעיק פלעסיד צו אפהאלטן די FISU 2023 אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "נאך מער פון 550 מיליאן דאלאר אין סטעיט-געשטיצטע רענאוואציעס און אינוועסטירונגען אין די נארט קאנטרי זיך צו גרייטן פאר די שפילן, איז ניו יארק גרייט צו ענטפאנגען די ספארטסלער און צושויער פון ארום די גאנצע וועלט צו אונזער סטעיט. איך וואונטש פיל גליק פאר די ספארטסלער וועלכע פארמעסטן זיך, און איך באדאנק FISU, די ארגאניזירנדע קאמיטע און שותפים אויף יעדע שטאפל פון רעגירונג פארן פארזיכערן אז די געשעעניש איז אן אפהילכיגע הצלחה. לאז די שפילן זיך אנהויבן."

דאנערשטאג נאכט'ס עפענונג צערעמאניע פאר די לעיק פלעסיד FISU 2023 שפילן איז אפגעהאלטן געווארן ביי די אייקאנישע Herb Brooks 1980 ארענע, די פלאץ וואו די "נס אויף די אייז" האַקי שפיל איז פארגעקומען צווישן די פאראייניגטע שטאטן און די סאוויעטישע פארבאנד אין די 1980 ווינטער אלימפיקס. די צערעמאניע האט אריינגערעכנט באגריסונגען פון די אניידע אינדיאנער פאלק און פון די

סעינט רעדזשיס מאוהאק שבט, עלעגאנטע פארשטעלונגען אויף די אייז, איינשווערונגען פון די ספארטסלער און בעאמטע און אויפלייכטונג פון אן אייגנארטיגע פלאם-לאזע ליכט טאפ.

ניו יארק סטעיט האט געמאכט באדייטנדע אינוועסטירונגען אין די נארט קאנטרי אין א סך הכל פון מער פון 550 מיליאן דאלאר אין לויף פון די פארגאנגענע זעקס יאר אין צוגרייטונג פאר די אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן און אנגייענדע ראיאנישע טוריזם. אינוועסטירונגען האבן געהאלפן רענאווירן איינריכטונגען וועלכע זענען אין אייגנטום און אויפהאלטונג פון די אלימפישע ראיאנישע אנטוויקלונג אויטאריטעט (Olympic Regional Development Authority, ORDA), ווי צום ביישפיל די 104 מיליאן דאלארדיגע רענאוואציע פון די לעיק פלעסיד אלימפישע צענטער און אנדערע איינריכטונגען ווי די כמעט 7 מיליאן דאלארדיגע רענאוואציע פון די סערענעק לעיק סיוויק סענטער. די אינוועסטירונגען זענען עדות צו ניו יארק'ס איבערגעגעבנקייט צו די שפילן, צו די ראיאן און צו די אינפראסטרוקטור פאר ספארטס פארמעסטן.

**ציײטווייליגער FISU פרעזידענט, לעאנז עדער, האט געזאגט,** "נאך די שווערע יארן פון די גלאבאלע פאנדעמיע, טרעפן מיר זיך ענדליך דא נאכאמאל אין לעיק פלעסיד. די וועלט'ס-יונגסטע מענטשן האבן שווער געליטן פאר די גוטס פון די פובליק און פאר די גלאבאלע באפעלקערונג. צו זעהן אזוי פיל פון זיי פארזאמלט דא היינט איז א באזונדערס עמאציאנאלע מאמענט וואס וועט מאכן די אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן פאר אן אמת'דיג פייערליכע פארזאמלונג, באזנדערס נאך די שפילן און לוצערן אין 2021 זענען אפגערופן געווארן. לעיק פלעסיד איז א ספעציעלע שטאט וואס האט געשאפן סיי לעגענדעס און סיי א ירושה וואס האלט נאך אלץ אן. א ירושה איז א מתנה וואס קומט מיט די געוויכט פון אחריות. דאס איז די סיבה פארוואס איך בין שטאלץ אז לעיק פלעסיד וועט זיין די פלאץ וואו די קאנפערענצן און אינציאטיוון צו ארייננקוקן אין די פארבינדונג צווישן ווינטער ספארטס און קלימאט טויש וועלן פארקומען."

**טשעיר פון די עדיראַנדעק ספארטס קאונסיל, דזשעימס ב. מעקענע, האט געזאגט,** "די שותפות צווישן ניו יארק סטעיט, FISU און לעיק פלעסיד האט געשאפן א לאנג-טערמיניגע ירושה וואס ווערט אונטערגעשטיצט דורך די שפילן. די מאדערניזאציע פון די אלימפישע זאלן און ארענעס און פון די סערענעק לעיק סיוויק סענטער, די דעוועלאפמענט פון ספעציעלע קאמיוניטי האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן, פארבעסערונגען צו פובליק אינפראסטרוקטור, שריט פאר קלימאט, אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און פארמערטע גלאבאלע אנערקענונג זענען בלויז א טיילווייזע ליסטע פון באשטאנדטיילן פון די ירושה. לעיק פלעסיד'ס פלאץ אויף די פלאטפארמע פון אינטערנאציאנאלע ספארטס איז פארזיכערט."

FISU האט אויסגעוועהלט לעיק פלעסיד צו זיין די שטאט צו אפהאלטן די שפילן אין מערץ 2018 און דאס האט אריינגעברענגט א נייע שטאפל פון עקאנאמישע בענעפיטן פאר די לעיק פלעסיד ראיאן. די שפילן זענען ערמעגליכט געווארן דורך א מאנשאפט פון די שותפים וואס האלטן אפ די שפילן: די ORDA די עדיראַנדעק ספארטס קאונסיל, די ווילעדזש אָוו לעיק פלעסיד און די פאראייניגטע שטאטן אינטערנאציאנאלע אוניווערסיטעט ספארטס פעדעראציע ( U.S. International University Sports Federation, US-IUSF). די אויסוואהל לייגט צו נאך מער צו א ירושה פון ספארטס וואס רעכנט אריין צוויי ווינטער אלימפישע שפילן, די 1972 FISU אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן, די 2000 Goodwill שפילן און מערערע 'ווארלד קאָפּ' און 'ווארלד טשעמפיאנשיפּ' געשעענישן. מערערע געשעענישן וועלן פארזעצן דורכאויס די ווינטער און זענען שוין באשטעטיגט, אריינרעכענענדיג די ווארלד קאָפּ סקי דזשאָמפינג אין פעברואר, די NCAA סקיען טשעמפיאנשיפּס און די סינקראנייזד פיגור סקעיטינג ווארלד טשעמפיאנשיפּס אין מערץ. צוקונפטיגע געשעענישן רעכענען אריין די באַבסלעד ווארלד טשעמפיאנשיפּס אין פעברואר 2025, די IBU בייעטלאן קאָפּס אין פעברואר/מערץ 2026.

**ORDA פרעזידענט און CEO, מייקעל פּרעט, האט געזאגט**, "נאכן אפהאלטן אינטערנאציאנאלע פארמעסטן אין לעיק פּלעסיד פאר העכער 100 יאר זענען מיר אין גאר א שטארקע פאזיציע צו קענען אפהאלטן די אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן צום צווייטן מאל. מיט אונזערע איבערגעבויטע לאקאציעס, איז די פארברייטערטע לעיק פּלעסיד אלימפּישע ראיאן אין פאזיציע צו אויסנוצן די באנייטע געלעגנהייט פאר פילע צענדליגע יארן אין די צוקונפט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופּ נייט, האט געזאגט,** "דאס איז א באגייסטערנדע צייט פאר ניו יארק סטעיט, און די רעזולטאט פון פילע יארן פון שווערע ארבעט. די סטעיט'ס אינוועסטירונגען האבן ערמעגליכט צו מאדערניזירן און פארבעסערן די ראיאן'ס ווינטער ספארטס אינפראסטרוקטור, און די לעיק פּלעסיד FISU 2023 שפילן זענען א גוואלדיגע געלעגנהייט צו אריינברענגען באזיכער און צושויער פון ארום די גאנצע וועלט צו אונזערע נארט קאנטרי קאמיוניטיס."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וויצע פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון טוריזם, ראס ד. לעווי, האט געזאגט,** "דער I LOVE NY (איך האב ליב ניו יארק) קאמפיין האט אויסגעשטרעקט אן איינלאדענונג צו ווינטער ספארטס ליבהאבער ארום די גאנצע וועלט, און מיר זענען גאר באגייסטערט צו סוף כל סוף זיי אויפנעמען אין ניו יארק סטעיט פאר די היסטארישע שפילן. די FISU שפילן ברענגען נאך א געלעגנהייט צו פארשטעלן לעיק פּלעסיד, די עדיראַנדעקס און די נארט קאנטרי אלץ א דעסטינאציע וואס יעדער ווינטער ספארטס ליבהאבער מוז באזוכן, צו אלץ אנטיילנעמער אדער אלץ אנהענגער, און מיר מוטיגן יעדן איינעם צו קומען זיין א חלק דערפון."

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "די נארט קאנטרי איז אן אומפארגלייכליכע ווינטער דעסטינאציע, מיט אן אייגנארטיגע נאטורליכע שיינקייט און אומפארגלייכליכע ווינטער ספארטס איינריכטונגען. עס איז אונז אן עהרע ביי די טראנספארטאציע דעפארטמענט צו ארבעטן מיט FISU און מיט גאווערנער האקול צו פארזיכערן אז ספארטסלער, ארגאניזירער און צושויער קענען גלאטערהייט אנקומען פון איין פלאץ צום אנדערן דורכאויס די גאנצע 2023 אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן. אונזער דעפּארטמענט'ס טראפיק אפעראציעס און שאסיי אויפהאלטונג מאנשאפטן זענען די בעסטע אין די ביזנעס, און זיי ארבעטן ארום די זייגער צו העלפן מאכן די היי-יאריגע שפילן פאר א זיכערע און אומפארגעסליכע ערפארונג."

**דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) קאמישאנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "די DEC איז באגייסטערט צו העלפן שטיצן די שפילן און די גוואלדיגע געלעגנהייט וואס זיי ברענגען צו ארויסווייזן די נאטורליכע שיינקייט און די ווארעמע קאמיוניטיס אריבער די עדיראַנדעק בערג. די שפילן און קאנפערענץ קאנצענטרירן זיך אויך אויף ניו יארק'ס שטאנדהאפטיגע און אפּאָרדעבעל קלימאט איניציאטיוון וועלכע ווערן אנגעפירט דורך די גאווערנער און דורך אונזערע פילע שותפים, און איך קוק ארויס צו רעדן מיט פירער אין ריינע ענערגיע, אקאדעמיע און רעגירונג צו פאראויס שטופן אונזערע לאנד'ס-פירנדע באמיאונגען צו באקעמפן קלימאט טויש."

**ניו יארק סטעיט פארקס אפיס קאמישאנער, עריק קאָלעסייד, האט געזאגט,** "די FISU אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן וועלן זיכער ברענגען אן עלעקטריפיצירנדע פארמעסט, און אזוי אויך טויזנטע ספארטסלער און אנהענגער, צו די הערליכע עדיראַנדעק ראיאן פון ניו יארק סטעיט. די עמפייער סטעיט וועט זיין א גוואלדיגע פלאטפארמע צו פארשטעלן די אויסערגעווענטליכע כשרונות, געוואגטקייט און מעגליכקייטן פון די ספארטסלער."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority) פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "איך וויל אויסלויבן FISU פאר זייער אויסערגעווענטליכע איבערגעגעבנקייט צו די ענווייראמענט און שריט פאר קלימאט דורכאויס די פלאנירונג און אויספירונג פון די לעיק פלעסיד 2023 FISU אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן — אן איבערגעגעבנקייט וואס שטייט אין איינקלאנג מיט ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע. לעיק פלעסיד איז אן אמת'ע דיאמאנט אין ניו יארק'ס קרוין, און די געשעענישן ווידערהאלן דאס אז באשיצן די ענווייראמענטאלע און עקאנאמישע וואוילזיין פון די עדיראַנדעק ראיאן איז קריטיש פאר די צוקונפט פון אונזער סטעיט."

**<u>קלימאט און ענווייראמענט-פריינטליכקייט אינציאטיוון</u>**

די לעיק פלעסיד 2023 FISU אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן וועלן אריינרעכענען מאסנאמען צו שטופן פאר שריט פאר די קלימאט, אין ליניע מיט גאווערנער האקול'ס ענווייראמענטאלע אגענדע. די ORDA – זייענדיג איינע פון די שותפים צו אפהאלטן די FISU שפילן – האט איינגעפירט באדייטנדע ענווייראמענט-פריינטליכקייט מאסנאמען אין די פלעצער וואו רוב פון די פארמעסטן וועלן פארקומען, אריינרעכענענדיג סאלאר ענערגיע ביי די אלפיין ארענעס, גאר פארגעשריטענע עקוויפמענט צו פראדוצירן שניי אויף א וועג וואס רעדוצירט באדייטנד די באנוץ מיט וואסער און ענערגיע, EV טשארדזשינג סטאנציעס, עלעקטראנישע 'זעמבוני' טרעקלער און הייבריד אויפהאלטונג מאשינען, LED באלייכטונג און מער. א וויכטיגע געביט פון די FISU שפילן איז די אלוועלטליכע קאנפערענץ ( World Conference) וואו מערערע רעדנער – אריינרעכענענדיג ניו יארק סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן – וועלן פארשטעלן אינפארמאציע איבער די אינציאטיוון און שריט וועלכע זיי האבן דורכגעפירט צו שטיצן די קאמף קעגן קלימאט טויש און צו ראטעווען די ווינטער. אנגעהויבן פון די דעזיין פון די ארענעס און אינפראסטרוקטור ביז פראדוקטן וועלכע זענען געשאפן געווארן פון ענווייראמענט-פאראנטווארטליכע מקורות פאר די LED פאקל — שטעלן די שותפים וועלכע האלטן אפ די שפילן און ניו יארק סטעיט שטיצע פאר די FISU אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן ציהל צו אוועקשטעלן צו א נייע סטאנדארט פאר צוקונפטיגע געשעענישן מיט אן איבערגעגעבנקייט צו די ענווייראמענט.

די שפילן'ס 'ראטעוועט די ווינטער' (Save Winter) קאנפערענץ וועט צוזאמברענגען וועלט'ס באקאנטע וויסנשאפטלער, שרייבער, ספארטסלער און ביזנעס פירער צו איבעררעדן וויאזוי קלימאט טויש איז משפיע אויף ווינטער ספארטס אויף א גלאבאלן פארנעם.

**<u>ניו יארק סטעיט ווינטער טוריזם</u>**

די אינוועסטירונגען און פארבעסערונגען צו די ORDA'ס סקי איינריכטונגען וועלן שטיצן די אנגייענדע ערהוילונג פון ניו יארק סטעיט'ס טוריזם אינדוסטריע. לעצטע ווינטער האט ניו יארק ענטפאנגען 68.5 מיליאן באזיכער, אויפטרייבנדיג איבער 16.1 ביליאן דאלאר אין דירעקטע שפענדונגען פון באזיכער. די עקאנאמישע השפעה פון ORDA פאר ניו יארק סטעיט איז די לעצטע מאל געמאסטן געווארן צו זיין 273.6 מיליאן דאלאר אין 2019-2020, א 75 פראצענטיגע וואוקס אין פארגלייך צו די פאריגע מאל ווען עס איז געמאסטן געווארן צו זיין 156 מיליאן דאלאר אין 2016-2017.

**געוועזענע סטעיט סענאטארשע בעטי ליטל האט געזאגט,** "ברענגען די FISU אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן צוריק צו לעיק פלעסיד איז א לאנגיאריגע טרוים. איך און גאווערנער האקול האבן זיך געטראפן מיט די FISU ארגאניזירער פינף יאר צוריק, און מיר האבן זיי געוויזן אלעס וואס די ראיאן האט צו אפפערן, און איך בין זייער שטאלץ מיט אלע שווערע ארבעט וואס האט געמאכט די שפילן פאר א ווירקליכקייט. דאס איז א באגייסטערנדע צייט פאר די ראיאן, און איך בין דאנקבאר אז אזויפיל מענטשן וועלן האבן די ערפארונג פון די שיינקייט פון די נארט קאנטרי."

**סטעיט סענאטאר דען סטעק האט געזאגט,** "נאך יארן פון צוגרייטונג און ערווארטונג זענען די לעיק פלעסיד FISU 2023 אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן ענדליך דא. אין נאמען פון די 45'סטע סענאט דיסטריקט, בין איך שטאלץ צו אויפנעמען ספארטסלער און צושויער פון ארום די וועלט צו אונזער ראיאן. איך ווייס אז די שפילן וועלן זיין פאנטאסטיש און אז זיי וועלן איבערלאזן אן איינדרוק אויף איינוואוינער און באזיכער וואס וועט בלייבן פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגליד בילי דזשאָונס האט געזאגט,** "עס איז א באגייסטערנדע טאג צו זיין היינט אין די עדיראַנדעק ראיאן פאר די FISU 2023 אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן עפענונג צערעמאניע. ניו יארק סטעיט האט אינוועסטירט מיליאנען צו פארבעסערן איינריכטונגען און זיכער מאכן אז עס איז אן ערפאלגרייכע געשעעניש. די וועלט קוקט זיך צו און זיי וועלן קענען זעהן די הערליכע פאנאראמישע לאנדשאפטן וואס די געוואלדיגע ניו יארק סטעיט האט צו אפפערן און די ערשט-קלאסיגע ווינטער ספארטס איינריכטונגען אין די ראיאן. די געשעעניש איז אויך געוואלדיג פאר די לאקאלע ביזנעסער, און איך קוק ארויס צו זעהן מער אזעלכע געשעענישן אין די צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגליד מעטיו סימפסאן האט געזאגט,** "די שפילן צייכענען אפ די ערשטע מאל אין מער פון 50 יאר וואס די FISU ווינטער שפילן וועלן אפגעהאלטן ווערן אויף די ערד פון די פאראייניגטע שטאטן, און די נאָרט קאנטרי וואלט נישט געקענט זיין מער שטאלץ מיט די געלעגנהייט דאס צו טוהן. די געוואלדיגע מאס פון צייט, מיטלען און געמיינזאמע כוחות וועלכע זענען אריינגעלייגט געווארן דורך אלע וועלכע זענען זיך צוזאמגעקומען דאס צו ערמעגליכן האבן אהערגעשטעלט א פלאטפארמע פאר די סטודענטן וואס איז נישט ווייניגער פון פרעכטיג. ספארטסלער פונעם ערשטן קלאס פון 40 לענדער און כמעט 600 אוניווערסיטעטן ארום די וועלט וועלן זיך צוזאמקומען אין די עדיראַנדעקס צו באווייזן זייערע ספארטס פעהיגקייטן, מיטטיילן לעבנסלענגליכע זכרונות און ארויסווייזן אינטערנאציאנאלע גוטע ווילן ביי די לאקאציעס וועלכע בענעפיטירן פון אזא געשעעניש. עס איז באמת א באגייסטערנדע און היסטארישע מאמענט פאר ניו יארק סטעיט."

**לעיק פלעסיד מעיאר אַרט דעוולין האט געזאגט,** "אין נאמען פון לעיק פלעסיד, אירע איינוואוינער און די ברייטערע נאָרט קאנטרי קאמיוניטי, בין איך באגייסטערט צו באגרוסן די ספארטסלער און אנהענגער פון ארום די גאנצע וועלט צו די FISU 2023 שפילן. אזויפיל צייט און כוח איז אריינגעלייגט געווארן אין די צוגרייטונגען, און מיר זענען שטאלץ צו דינען אלץ אן אפיציעלע שותף ביים אפהאלטן די אינטערנאציאנאלע געשעעניש. איך בין דאנקבאר פאר די שטיצע פון גאווערנער קעטי האקול וואס איז געווען טייל פון די באמיאונג אהערצוברענגען די שפילן, און איך קוק ארויס צו זעהן די ערשט-קלאסיגע פארמעסטן אין די בעפארשטייענדע טעג."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418